גוט שבת אלע אידן. עס זענען געוועזן פיל מענטשן וואס פלעגן קומען צום באבא סאלי, רבי ישראל אביהצירא זצוק"ל אין דעם שטאט נתיבות לעבן באר שבע. אלע סארט אידן למשל חסידים, ספרדישע, ליטווישע און אפילו פרייע אידן אויך זענען געקומען בעטן ברכות, פרעגן עצות אדער בעטן פונעם צדיק אז ער זאל פועלן א ישועה.

איין טאג, זענען א מאמע מיט איר זון געקומען צום באבא סאלי. דער עולם וואס האט געווארט אריינצוגיין האבן געזען אז דער בחור דארף חיזוק. ווייל ער איז נעבאך נישט געגאנגען אנגעטון מיט דעם ריכטיגען אידישען מלבוש אזוי ווי עס פאסט פאר א אידישער בחור. נישט נאר דאס אבער, יעדע פאר מינוט ווען די צוויי האבן געווארט אריינצוגיין צום רבין, האט דער בחור געזאגט פאר זיין מאמע "לאז מיר אפ." די צוקוקערס האבן נישט געקענט גלייבן די גרויסע חוצפה פונעם בחור.

דער סדר ביים באבא סאלי איז געווען אז פרויען זענען נישט אריינגעקומען צו אים, נאר, זיי זענען געשטאנען הינטער דעם טיר, הערענדיג וואס דער צדיק רעדט. צוליב דעם האט די מאמע פון דעם בחור געזאגט איר בקשה פארן גבאי ר' אליהו. ווען דער גבאי האט דעם בחור סוף כל סוף אריינגעלאזט האט דער גבאי דערציילט אין אראביש פארן באבא סאלי אז די מאמע האט געבעטן אז דער רבי זאל מעורר זיין דעם בחור תשובה צו טון, בפרט אין די מצוה פון כבוד אב ואם.

דער באבא סאלי'ס אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן בשעת ער האט צוגעהערט די מאמע'ס בקשה דורכן גבאי. נאך אפאר סעקונדעס האט דער באבא סאלי געזאגט שטילערהייט, אויב מיין מאמע וואלט געלעבט היינט, וואלט איך איר געהאלטן אויף מיין אקסלען און געטאנצט מיט שמחה."

דער בחור האט דאס געהערט און ער האט געציטערט פון התרגשות. ער האט געהאלטן זיין קאפ צווישן זיין הענט און ער האט שטארק געוויינט. מיט א פנים פיל מיט טרערן איז ער ארויסגעגאנגען פונעם צימער צו זיין מאמע און ער האט גלייך געבעטן מחילה פון איר. ווען דער בחור האט זיך בארוהיגט האט דער באבא סאלי אים צוריקגערופן צו קומען הערן א מעשה וואס ער האט געוואלט דערציילן וועגן כבוד אב ואם.

פאר מיר גיין דערציילן דעם באבא סאלי'ס מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון דער מצוה פון כבוד אב ואם. מען זעט אין די וואכעדיגע סדרה ווי נח'ס זין שם און יפת האבן שטארק מכבד געווען זייער טאטען דורך טון אלעס וואס איז שייך געווען צו ממעט זיין זייער טאטע'ס שאנד. דער דריטער זון פון נח וואס האט געהייסן חם, האט זיך אבער אויפגעפירט מיט גרויס בזיון מיט זיין טאטען. וועגן חם זאגט נח: "... ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו." ד"ה, פארשאלטן איז חם וואס וועט זיין א קנעכט פאר זיין ברידער. ווייסט מען אז חמ'ס אייניקלעך זענען די שחורים. המבין יבין. אבער לגבי שם און יפת, האט נח געבענטשט זיי. פון שם איז ארויסגעקומען די אידן, דער שפיץ פון דער בריאה. פון דא זעט מען דעם גרויסקייט פון כבוד אב ואם. גאנצע דורות זענען געבענטשט אדער פארשאלטן געווארן לויט וויפיל זייער זיידעס האבן מדקדק געווען מיט כבוד אב ואם. יעצט לאמיר ווייטער דערציילן דעם באבא סאלי'ס מעשה.

ווען דער באבא סאלי איז געווען א אינגערמאן, האט ער מיט זיין עלטער ברידער רב דוד געזארגט אויף זייער טאטען רבי מסעוד, וואס איז געווארן אלט און שוואך. איין טאג האט רב מסעוד נעבאך זייער שטארק געקרעכצט פון ווי טאג. זיין עלטער זון רב דוד האט אים געזאגט "פארוואס קרעכסטו אזוי, טאטי?" אין רב דוד'ס ווערטער האט זיין טאטע געשפירט אז זיין קרעכץ האט געשטערט זיין זון. דער טאטע האט זיך געדרייט צו זיין זון און געזאגט, "ביז יעצט האב איך געמיינט אז איך האב א דימענט, א הייליגער זון. יעצט אבער זע איך אז איך האב געמאכט א טעות, ווייל באמת האב איך פארלוירן דעם דימענט!"

ווען רב דוד האט דאס געהערט האט ער זיך נישט געקענט בארוהיגן. ער האט געהאנגען זיין קאפ פון שאנד. ער האט גענומען אויף זיך תשובה צו טון. ער וועט פארלאזן זיין טאטע'ס הויז און ער וועט זיך פראוועגען גלות פאר איין יאר. אין דעם יאר וועט ער נישט רעדן מיט קיינעם און ער וועט נישט גיין ברבים. און אזוי האט ער טאקע געטון, ער האט זיך געפירט אזוי ווי איינער וואס איז אין חרם. ער האט זיך אריינגעלייגט טיף אין לערנען און דאווענען פאר א גאנץ יאר.

ווען דאס יאר האט זיך געענדיגט, איז רב דוד אריין צום הערשער פון יענעם געגענט וואו ער האט געפראוועט גלות. יענער הערשער איז געווען א נאנטער חבר פון רב דוד'ס טאטען. רב דוד האט געבעטן פונעם הערשער אז ער זאל זיין שליח צו גיין צום רבין מסעוד, כדי אים איבערצובעטן אין זיין זונ'ס נאמען.

דער הערשער איז גלייך געגאנגען צום רבין מסעוד'ס הויז און ער האט אים איבערגעבעטן אין רב דוד'ס נאמען. שפעטער איז דער הערשער צוריקגעגאנגען צום רב דוד און איבערגעגעבן זיין טאטעס ווערטער אז "יעצט ווייס איך אז איך האב ערצויגן מיין זון בדרך הישר. ער איז טאקע אן אמתע דימענט איינגעזעצט אין גאלד. זאג אים אז זיין עבירות זענען אויסגעמעקט."

קוים וואס דער שליח האט געענדיגט רעדן איז רב דוד געלאפן צו זיין טאטענ'ס הויז. ווען רב דוד איז אנגעקומען צו דעם טיר פון זיין טאטענ'ס שטוב, איז ער געקראכן אויף זיין קניען צו זיין טאטען. ווען ער איז אנגעקומען צו זיין טאטען, האט רב דוד ארויסגענומען א מעסר פון זיין קלייד, און מיט הייסע טרערן האט ער געזאגט, "טאטי, טאטי, זע די מעסר... איך בין גרייט זיך מקריב צו זיין אויב דאס איז דיין ווילן!" רבי מסעוד האט אויפגעהויבן זיין זון און ער האט אים געהאלזט און געקושט. די אלע צוקוקערס זענען געשטאנען שטיל, זעענדיק די הארציגע סצענע, עס איז געווען נישט פשוט.

דער באבא סאלי האט געענדיגט זיינע ווערטער. אלע זענען ערשטוינט געווארן פון הערן דעם מוראדיגען מעשה פון כבוד אב ואם. דער בחור, וואס האט זיך אמאל אויפגעפירט חוצפהדיק מיט זיין מאמען, האט יעצט געוויינט, ווייל ער האט אנערגעקענט זיין שלעכטע וועגן. דער באבא סאלי האט אים ווייטער מחזק געווען מיט ווייכע רייד. "איך זאג דיר צו אז טאמער דו גייסט טוישן דיין וועג אין לעבן, גיי איך דיך בענטשן מיט אלעס גוטס." האט דער באבא סאלי געזאגט. "דו גייסט האבן א פרייליכען לעבן טאמער דו גייסט מקיים זיין די מצוה פון כבוד אב ואם."

פון דעמאלט און ווייטער, האט דער בחור זיך טאקע געטוישט אינגאנצן, און ווער וואס האט אים נאר געזען האט געזאגט "אשרי יולדתו!"

זאגט דער רמב"ם זי"ע "כבוד אב ואם מצות עשה גדולה וכו'" (הלכות ממרים ו,א) ווי ווייט דארף מען מכבד זיין און מורא האבן פון א טאטען און מאמען? זאגט דער מחבר, אז אפילו "היה הבן לבוש חמודות ויושב בראש הקהל ובאו אביו ואמו וקרעו בגדיו והכוהו על ראשו וירקו בפניו לא יכלים אותם אלא ישתוק ויירא מן מלך מלכי המלכים שציוהו בכך." (שלחן ערוך יורה דעה סימן רמ,ג) פארשעמען איינעם ברבים איז איינע פון די ערגסטע עבירות, אזוי ווייט, אז די עבירה נעמט אוועק דעם עולם הבא. אפילו אזוי, זאגט דער מחבר, אפילו א טאטע און מאמע פארשעמען א קינד ברבים, דארף דער קינד שווייגן. דאס מיינט מורא האבן פון א טאטען און מאמען.

די מצוה פון כבוד אב ואם האט דער באשעפער אונז געגעבן כדי אונז אויסצולערנען יראת שמים און כבוד שמים. ווייל אויב איינער איז מכיר טוב פאר זיין עלטערן וואס האבן אלעס געטון פאר אים אין זיין לעבן, וועט ער צוקומען צו דעם ריכטיגען יראה און כבוד וואס מען מוז האבן פארן אייבערשטער, וואס די גאנצע וועלט איז תלוי אויף אים. דאס איז אפשר מרומז אין פסוק. ווען נח קומט צו בענטשן זיין זון "שם" צוליב שמ'ס מקיים זיין די מצוה פון כבוד אב ואם, זאגט נח ""ברוך ה' אלקי שם וגו'" ד"ה דורך דעם וואס שם האט מכבד געווען זיין טאטען, איז אויסגעקומען אז דער אייבערשטער'ס נאמען זאל געבענטשט ווערן.

דורך מכבד זיין און מורא האבן פון עלטערן, אפילו נאך זייער הסתלקות, וועלן מיר אי"ה זוכה זיין צו צוקומען צו האבן דעם ריכטיגען כבוד פארן אייבערשטען. צוזאמען מיט דעם וועלן מיר געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות. גוט שבת אלע אידן.

מזל טוב למוה"ר יום טוב ליפמאן דירנפעלד הי"ו לרגל שמחת נישואיו של בנו ישראל נחמיה נ"י

מזל טוב למוה"ר אהרן יוסף ראזענפעלד הי"ו לרגל שמחת נישואיו של בנו שלום נ"י • מזל טוב להרה"ג מו"ץ יושע לייפער שליט"א לרגל שמחת הבר מצוה של בנו

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא, ציפורה בת רחל, ר' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא

לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה • לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה • **כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)